עמ' 1 **1** אמר מלך דען ערשטין אויף צוג

ווײלין נון מעהריא דיא צײט איזט קומין אן /
אלש איך מײן גידאנקין פיל ברענגין קאן /
אלזו וויל איך ערהיבן מײנין נאמין /
איבר אלי דיא גיוועזין פון קיניגליכין זאמין /
איך וויל מײן טרָאהן זוא הויך ערהיבן /
גלײך וויא דער אדליר אין לופטין טוט שוועבן /
אונד וויל מיר זעצין צווישן גאטש שטערן /
דש מיך אלי עהרי אלש איהרי הערן /
דארום וויל איך אײך ביקאנד מאכין אין דער גאנצי וועהלט /
דש אונזר מײנה גיוואלט זײן 127 לענדר אונד גיצעלט /
אלש דאַן בין איך צו זאלכר זאך רעזולפיהרט /
דאש גלײכן קײן קיניג האט רענטירט /
אן צו שטעהלין אײן זאלכין מאהל צײט /
דש דיא טאפיל 180 טאג זאל זײן אן ברײט/
פון דען אלר בעשטין טראקטימענדין /
עמ' 2 וועלכי נור צו || פינדין זײן /
אן אלי אורטין אונד אלי ענדין /
אונ' אויך פון דען באשטין ווײן /
דאַן איך וויל קעשטליך טראקטירין /
אלי פירשטין אין דעם גאנצין רײך/
אונד דא צו אויך אינפינדירין /
מײנר אונדר זאַהפן ארים אונד רײך /
דארום מײן מאהרשאהל טאהי איך דיר רעקומאנדירין /
דש דוא זאלשט אורדר פיהרין /
אונד אײן יעדרין זאל מן מענליך הערין /
עסין געבן נאך זײן ביגעהרין /
צום טרינקין זאל מַאן קײנום צווינגין /
זונדרין וואש אונד וויא פיל ער ביגעהרט צו ברענגין /
אײן יעדרין זאל מן טאהן זײן רעכט /
פון נידרין שטאנדין ביז הויכין גישלעכט /
אהני אהן זענלכין פערשון אונד פיקליטעטין.
דיזוז איזט מײן רעזולוציאהן /
אונד דיר איבר טראגיני קומיסיאהן / ||